# לך לך

ומלכי צדק מלך שלם, הוציא לחם ויין והוא כהן לאל
עליון וגו'.

מלכי צדק דער קעניג פון שלום, דאָס איז „שם בן נח" האָט ערפונדען אַ נייעם וועג, ווי גאָט צו דינען, אַ מענש קען דינען גאָט, דוקא מיט עסען און טרינקען, און מיט אלע זיך.

„ומלכי צדק מלך שלם" אַזאַ רייכער מאן, הוציא, האָט ארויסגעצויגען, דאָס הייסט, ארויסגעקריגען א נייע ערפינ־דונג, ווי צו דינען גאָט, „לחם ויין", מיט ברויט און וויין „הכרחיות", ברויט און „מותרות" וויין. אפילו מיט תענוגים קען מען זיין „והוא כהן לאל עליון", אַ דינער אַ ריכטיגער צו גאָט. ווי דער תנא זאָגט „תלמידיו של אברהם אבינו אוכלין בעולם הזה, ונוחלין עולם הבא", די תלמידים פון אברהם אבינו, עסען אויף דער וועלט, און צוליעב דעם עסען, האבען זיי עולם הבא, נאָר תענוגים אין אידישען אופן...

---

זהו שאומרים אלהי אברהם וכו' אלהי יצחק וכו'
אלהי יעקב וכו'.
(רש"י).

פיעלע פרעגען עס וואָלט געפאַסט אַז מען זאָל זאָגען "תענוגים", ניט מיט סיגופים און „תעניתים", מיט פייניגען

אלהי ישראל, ווינציג דען, האָט דער עם ישראל מיט געמאַכט? אזוי פיעל מיליאָנען זיינען אומגעקומען אויף קדוש השם, פאר זייער גאָט, און זיין תורה, גענוג טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבען געשאָכטען זייערע קינדער מיט זייערע הענט, אום זיי זאָלען שטאַרבען אידען. עס איז ניט דאָ דער פלאץ צו ציטירען, און עס איז אויך אָלעמען באַוואוסט, טאָ פאר וואָס זאָגט מען טאַקע ניט אלהי ישראל?

מיר וועלן זיך עראינערען אַזאַ זאַך, — דאָס עס פלעגען ארום געהן אין אונזערע שטעדטלאך לייטע מיט אַ קעסטעלע מיט דריי קליינינקע פענסטערלאך, און מען פלעגט געבען דריי קאָפּיקעס, פלעג ער הייסען קוקען אין א פענסטעריל, און ער פלעגט ווייזען די שעהנע פאריז, די גרויסע הייזער פון בערלין, פעטערבורג, אָדעס א. אז. וו. אַ פארגרעסער גלאָז האָט גרויס געמאַכט די בילדער. איז דען דאָס געווען געוויזען די לעבעדיגע פאריז? ניין! ניין! געוויס ניט. דאָס איז נאָר אַ פאנאראמי. פון דעם קען מען פארשטעהן די גרויסקייט, די לעבעדיקייט, די שעהנקייט פון דער לעבעדיגער פאריז.

אַז מיר זאָגען אלהי אברהם, איז דאָס נאָר אַ פאנאראמי, די טויטע פאריז, אמת טאַקע אברהם איז געווען שעהן, ער האָט גענוג מיט-געמאַכט, לך לך כסדר, אלע צעהן נסיונות. טאָ ווי שעהן איז אָבער פון זיינע קינדער, פון דעם עם ישראל, וויפיעל לך לך האָבען זיי שוין מיט-געמאַכט, וויפעל קינדער האָבען זיי געשאָכטען מיט זייערע הענט, — מיליאָנען. ניין, ניין, דער עם ישראל איז די לעבעדיגע פאריז, זיי האָבען מעהר מיט-געמאַכט, נסיונות הונדערטע טויזענטע מאָהל מעהר.

מיר זאָגען אלהי יצחק, ניין! ניין! ניט נאָר יצחק האָט זיך געלאָזען בינדען צו געשאָכטען ווערען, דאָס איז אַ טויטע פאָריז. יצחק אונזער הייליגער פאָטער, דו ווייסט דאָך אליין, אז טויזענטע קינדער האָבען אין „גזירת השמד”, אין „מסע הצלב” זיך געבעטען צו די טאַטעס מיט אויסגעשטרעקטע

העלזער, טאַטע טאַטע, מאַמע, מאַמע, שעכט מיר אום איך זאָל ניט ארײנפאלען צו די אכזרים, זײ װעלען אונז צװינגען צו אָננעהמען זײער גלויבען. יצחק, דו װעסט קײן פאראיבעל האָבען, דו װײסט אַז דײנע קינדער זײנען די לעבעדיגע פּאריז, און דאָס װאָס מען זאָגט אלהי יצחק, איז נאָר צו װײזען פון דער טויטער פּאריז, װי שעהן, װי גרויס איז די לעבעדיגע פּאַריז. יצחק, אַזעלכע חנה׳ס װי „חנה ושבעה בניה" האָבען מיר געהאַט טויזענטער אָדער גאָר מיליאָנען.

„אלהי יעקב" זאָגען מיר, יעקב דו „יושב האהל", װיפיעל תלמידי חכמים, די יושבי אהל, װיפיעל האָבען זײ זיך אויסגעליטען אין בית המדרש, און מעהר פאר דיר געליטען פון די פּאָגראָמטשיקעס, מעהר װי דו פון עשו מיט אליפז, װיפיעל האָט מען אויסגעשלאָכטעט בײ דער גמרא. יעקב דו װײסט דעם אמת, אז רבי חנניה בן תרדיון ברענט מיט דער ספר תורה, װײסטו אַז מיר האָבען אַ סך אַזעלכע? יעקב, מיר זײנען די לעבעדיגע פּאריז. דעריבער אז מען זאָגט אלהי אברהם, אלהי יצחק, אלהי יעקב, פארשטעהט מען במילא פון די טויטע פּאריז אויף די לעבעדיגע.

---

## אַ חסידות׳שע תורה און אמת גוט

ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן לאל עליון ויברכהו.

די װעלט פרעגט װאָרום איז ער מפסיק מיט׳ן טיטול זײנעם מיט „הוציא לחם ויין", אַזוי האָט עס געדאַרפט שטעהן, „ומלכי צדק מלך שלם הוא כהן לאל עליון ויברכהו". האָט ר׳ מאיר׳ל מפּרעמישלאַן אַזוי געזאָגט, על דרך הצחות: „מלכי צדק מלך שלם", דאָס איז שם בן נח. ער איז געװען דער

אַלטער רבי, אַלע זיינען געגאַנגען צו איהם. נאָכהער איז אויפגעשטאַנען אַ איינגערער ר' אברהם'לע, און געוואָרען אַ מפורסם, זיינען אַלע אַוועק צו דעם יונגען רבי, רבי אברעמעלע. האָט שם געגומען נאָכפרעגען אויף זיינע מעשים, פון דעם רבי החדש, האָט מען איהם דערצעהלט אַז ער איז אַ גרויסער „מכניס אורח". זאָגט שם, זעהר פיין, אַ מכניס אורח, אָבער אַ רבי פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו איהם. דערצעהלען זיי איהם, ער איז אַ בעל צדקה, ער גיט גרויסע נדבות. גוט זאָגט שם, איז ער טאַקע אויך אַ בעל צדקה, זעהר שעהן, אָבער אַ רבי האָט זיך שם באַוונען, געהן אַנקוקען דעם נייעם רבי, דעם יונגען מאַן, רבי אברעמעלען.

„ומלכי צדק מלך שלם", דאָס איז „שם בן נח", דער אַלטער רבי, „הוציא לחם ויין", האָט אַוועקגענומען אַן אַ זייט וואָס ער איז אַ מכניס אורח, און בעל צדקה, דאָס האָט ער אַוועק געלייגט אַן אַ זייט, דערפאַר קען מען נאָך קיין רבי ניט זיין. אָבער אַז ער האָט דערזעהען דעם נייעם רבי, רבי אברעמעלען, האָט ער דערזעהן, אַז „והוא כהן לאל עליון, אַז ר' אברעמעלע, איז אויך דער גרויסער פּאַטריאַרך, דער צדיק תמים, דער גרעסטער פון דער וועלט, דאַן „ויברכהו", האָט ער איהם געבענשט, דו ביזט געווים ראוי לכך...

---

כי גרים יהיו זרעך בארץ לא להם.

אפילו דיינע קינדער וועלן זיין אין אַמעריקא, אַ לאַנד וועלכע אַלע זיינען דאָ „גרים", אַלע זיינען געקומענע, עס איז נאָר איין אונטערשיעד אין יאָהרען, אַנדערע זיינען געקומען פריהער, אַנדערע שפּעטער, עס איז אַ געפונענע לאַנד, און אַ פרייע פאַר אַלעמען. דאָך „גרים יהיו זרעך", דיינע קינדער וועלען זיין גרים גערעכענט, אפילו „בארץ", אין אַזאַ

לאנד, וועלכע איז „לא להם", ניט זייער לאנד, דאָך „גרים יהיו זרעך" — מיר פיהלען עס, און ווייסען עס...

---

# אַז משיח וועט קומען

ואעשך לגוי גדול, זהו שאומרים וכו'
(מדרש).

עס ווערט געברא‏כט אין רש"י — „ואעשך לגוי גדול", זהו שאומרים אלהי אברהם, מען וועט זאָגען אין „שמונה עשרה" דער גאָט פון אברהם. „ואברכך" און איך וועל דיר בענשען, זהו שאומרים אלהי יצחק, דאָס איז וואָס מען וועט זאָגען דער גאָט פון יצחק. „ואגדלה שמך", זהו שאומרים אלהי יעקב, איך וועל גרויס מאכען דיין נאָמען, וואָס מען וועט זאָגען דער גאָט פון יעקב, „יכול יהי הותמין בכולם", דענקסטו אַז מען וועט אויסלאָזען מיט אלע דריי „מגן אברהם יצחק ויעקב"? ניין, דאָס ניט, „בך" מיט דיר „הותמין" וועט מען אויסלאָזען די ברכה. פרעגט מען, אדרבה, עס וואָלט איהם מעהר הנאה געטאָהן ווען ער זאָגט איהם אַז מען וועט מיט זיי אויך די ברכה אויסלאָזען, וואָס וואָלט אים הארען, אין געגענטייל דאָס וואָלט איהם געפרעהט, זיין זוהן און אייניקעל זיינען אזוי גרויס?

אברהם איז דער איינציגער וואָס האָט אראָפּגעבראַכט אחדות הבורא אויף דער וועלט. יצחק איז דער איינציגער, דער ערשטער הייסט עס, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאר הקב"ה. יעקב איז דער ערשטער, דער סימבאָל פון טלטול און גלות.

זאָגט השי"ת צו אברהם, מען וועט זאָגען אימער „מגן אברהם" דאָס הי ביזט דער גרינדער פון אָרדען „ברית

אברהם", אחדות הבורא, און „אהבת אחים", ליבע און פריינד־שאפט אויף דער וועלט. מען וועט אויך זאגען, אז יצחק איז דער ערשטער זיך מקריב צו זיין פאר מיר, וועט מען דע־ריבער אויך זאגען, אלהי יצחק. און מען וועט אויך זאגען אז יעקב איז דער ערשטער צום גלות געגאנגען, און איך האב איהם געהאלפען און צוגעזאגט אז איך וועל איהם היטען און ארויסנעהמען פון גלות. אבער דענק ניט אברהם, מיין טייערער קינד, אז אויביג וועלען מוזען דיינע קינדער זיך מקריב זיין, אזוי ווי יצחק, ניין דאס וועט ניט זיין. אז משיח וועט קומען, וועט מען ניט דארפען זאגען מגן יצחק. דאס זעלבע זיי וויסען, אז ניט אויביג וועט זיין גלות, וועט מען ניט דאר־פען זאגען אלהי יעקב, אבער „בך חותמין", מיט דיר וועט מען אימער אויסלאזען „מגן אברהם", ווייל אחדות הבורא, וועט אימער זיין דיין ערפינדונג, און לעתיד לבא נאך מעהר, „בך חותמין".

---

## החזקת התורה

„והוא כהן לאל עליון", די כהנים האלטען די הענט אין דער הויך, ווען זיי דוכנ'ען. טאקע, צוליב וואס איז דאס? דער געטליכער משורר זאגט „הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם כעיני שפחה אל יד גבירתה וגו'". דער עבד און שפחה קוקען אויס זייער פרנסה פון זייער „בעל הבית" האנט, כהנים האבען קיין נחלאות ניט געהאט, זיי האבען געמוזט אויסקוקען זייער פרנסה פון בעל הבית האנט

אבער אין דער אמת איז ניט אזוי, די כהנים ציהען אראפ זייער פרנסה, די השפעה פון הימעל, פאר די בעלי בתים אויך, דעריבער האבען זיי אימער אויפגעהויבען זייערע הענט

אין דער הויך, צו ווייזען אז די בעלי בתים דארפען זיי דאנקבאר זיין, ווייל זיי ציהען אראפ די שפע וברכה אויף דער וועלט פון הימעל. דו בעל הבית זיי וויסען, אז דו דארפסט אויסקוקען פון כהן זיין האנט. — ניט דער כהן נעמט פון דיר, נאר דו נעמסט פון כהן.

---

## מציאות ד׳

אברהם אבינו דער ערשטער ערפינדער פון מציאות ד׳ — און מיר גלויבען אין מציאות ד׳. האט א משכיל געפרעגט ביי א גאון עולם און צדיק תמים, ווי איז דאס מעגליך מציאות ד׳ אז אין איהם איז ניטא קיין שום גשמיות (פארקערפערונג) און קיין גשם, (מענש, דער קערפערליכער) קען ניט דערגרייכען זיין מציאות, „ולא ישיגוהו משיגי הגוף״.

האט דער גאון איהם געענטפערט, דער שכל איז געווים א זאך וואס איז בנמצא, פיעלע האבען דאך דעם שכל, און קיין גשם (א קערפער איז ער ניט) און נמצא איז דער שכל, נו וויז מיר דעם שכל, טאפ אן דעם שכל, און דאך איז דער שכל נמצא. (קלעהרט גוט נאך דעם הייליגען קלוגען אנטווארט פון דעם גאון, קען שוין זיין מציאות ד׳ ודו״ק).

---

„והוא כהן לאל עליון״, דער כהן איז דער פריסט, דער רוחניות מענש, דער גייסטליכער פערזאן. הייניגע כהנים אבער, אי זיינען זיי גרויסע בעלי הרוח. ווי מען דערצעהלט, — א רב האט געפרעגט ביי זיינעם א מעמבער א כהן, זאגט זשע מיר ר׳ אהרן, וואס טראכט איהר ווען איהר גיהט ארויף להוכן? איך טראכט, ענטפערט דער כהן, מען זאל מיינע שיך ניט אוועק גנב׳ענען.

---

אײן אָרימאַן איז אַרײַן בײַ אַ קאַרגען גביר, איז דער גביר באַלד אַרויס פון הויז, איז דער אָרימאַן אויך אַרויס געגאַנגען. ווען דער גביר איז געקומען, פרעגט איהם די פרוי, זאָג זשע מיר, וואָרום ביזטו אַרויס געלאָפען פון הויז, ווען דער אָרימאַן איז אַרײַן?

פאַרשטעהסטו מיך, די תורה זאָגט „עני חשוב כמת" אַן אָרימאַן איז גלײַך צו אַ טויטען, און איך בין דאָך אַ כהן, בין איך באַלד אַרויס געלאָפען פון'ם הויז, ווײַל אַ כהן טאָר ניט זײַן מיט אַ טויטען...

---

## אַ מלאך אָהן עטיקעטע

ויאמר הגר שפחת שרה, אי מזה באת, ואנה תלכי,
ותאמר מפני שרי גברתי אנכי בורחת וכו', שובי אל
גברתך והתעני תחת ידיה.

און דער מלאך האָט געזאָגט דו הגר דינסט פון שרי פון וואַנען קומסטו און וואו געהסטו, א. אז. וו. קעהר זיך אום צו שרי דײַן האַרינטע און לאָז זיך פײַניגען אונטער איהרע הענט.

האָט איהר ווען געהערט אז מען זאָל פרעגען אַ שפחה אַ דינסט, אַז זי געהט אין גאַס, דבורה, דו דינסט פון פײַנשטײַן, וואו געהסטו? צו דערמאָנען איהר נעבאָך איהר אָרימקײט? אַ פּאַטש אין פנים, צו זאָגען, דבורה דו דינסטטאָ וואו איז די עטיקעטע פון דעם מלאך צו זאָגען הגר שפחת שרי?

אַ זעלטענע געשיכטע, וואָס עס האָט געטראָפען מיט אַ „דין תורה" בײַ דעם אַפּטער צדיק און גאון, וועט זיך פאַר-

שטעהן די פּאָר פּסוקים זעהר גוט, און יעדער וועט האָבען אַ פאַרגעניגען.

אין די צייטען פון הגאון מאפּטע, איז נאָך קיין אייזענבאַהן (טריינען) ניט געווען, און די וועגען זיינען געווען „בחזקת סכנה״, די וועג אליין, און פון רויבער און מערדער.

האָט געטראָפען אַז אַ מאַן פון יענער ברעג רוסלאַנד גאָנץ ווייט, האָט געזאַמעלט אַ סך געלד און זילבער, דאַן איז נאָך קיין פּאַפּיר געלט ניט געווען פיעל, פון טשעקס האָט מען ניט געוואוסט, האָט ער געדונגען אַ בעל עגלה, אַז ער זאָל פאָהרען מיט איהם קיין לייפּציג, און נאָך גרויסע שטעט, איינצוקויפען סחורה. די קאַסטענס גאָלד און זילבער, איז געווען אין וואָגען, און זיי זיינען אָפּגעפאָהרען. זיי זיינען שוין געווען אָפּגעפאָהרען איבער צוויי מאָנאַט און עס איז שוין געווען אין גאַנצען אַ פּאָר הונדערט מייל פון לייפּציג.

איין מאָל אין דער פריה, ווען דער סוחר איז נאָך געשלאָפען, איז דער בעל עגלה אריין אין חדר פון גביר און האָט גענומען זיינע קליידער און זיך אליין אָנגעטאָהן, און זיינע בעל עגלה׳שע בגדים איבערגעלאָזען פאַר דעם גביר, און איז זיך ארויס געגאַנגען. די אלע מענשען האָבען געדענקט אַז דאָס איז דער גביר.

דער גביר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און וויל זיך אָנטאָן, ער ווערט אַ צורודערטער, זיינע בגדים זיינען ניטאָ, און אויף דעם פּלאַץ פון זיינע איז דעם בעל עגלה׳ס קליידער. ער האָט גענומען שרייען, עס זיינען אריין די משרתים פון אכסניה, דערציהלט ער זיי, האָבען זיי געלאַכט פון איהם. דער גביר איז דאָך אין עס צימער, און ער עסט פרישטיק, און דו ביזט דאָך דער בעל עגלה, מאַך זיך ניט משוגע, אָדער דו ביזט משוגע אויף אן אמת. דו ביזט דער בעל עגלה, טהו זיך אָן, און מאַך קיין נאַרישקייט ניט מיט אונז, דער גביר האָט טאַקע איצט אונז אלעמען געזאָגט אַז זיין בעל עגלה

קריגט אפט א משוגעת, דאס ער שרייט ער איז דער בעל הבית דער גביר.

דער סוחר האט געמוזט אנטאהן אויף זיך דעם בעל עגלה'ס קליידער, און איז ארייגעלאפען אין עס צימער, מיט א געשריי: זאג זשע מיר דו בעל עגלה, ביזט משוגע געווארען, וואס פאר א שפיצעל האסטו מיר אפגעטאהן?

דער בעל עגלה, דער איצטיגער אויסגעפוצטער גביר, זאגט צו איהם, הער זיך איין מיין טייערער „בעל עגלה", אז דו ביזט משוגע, ווייס איך דאך שוין לאנג, אבער דא מוז נעה־מען איין ענדע, איך קען שוין פון דיר מעהר ניט ליידען, — געה שפאן די פערד און לאמיר פאהרען, איך האב קיין צייט ניט צו שטעהן דא צו לאנג.

האט דער גביר, דער אמת'ער, כאטש ער געהט אין בעל עגלה'ס קליידער, אנגעהויבען שרייען און לארעמען, האט דער בעל עגלה, דער איצטיגער גביר, איהם גוט אנגעבראכען די ביינער, שרייענדיג: דו משוגענער „בעל עגלה", איך וועל דיר דא אין אפטע איבערגעבען אין משוגעים הויז, איך קען שוין מעהר פון דיר ניט ליידען.

דער ריכטיגער גביר האט איינגעזעהן אז עס איז צו ערנסט, אפילו די פרעמדע דענקען אז ער איז משוגע, קיין באַ־ווייזע איז דאך דא ניטא, זיי זיינען ווייט פון דער היים, קיי־נער קען איהם דא ניט, און אויף אזא אופן וועט ער דא טאקע איינגעשפארט ווערען אין משוגעים הויז, דערווייל איז ער איינגעשטעלט מיט זיין גאנצען פארמעגען. איז ער אוועק אין שטאט און אריין צום אפטער צדיק, און געבעטען דעם צדיק מיט טרעהרען ער זאל דערווייל ניט לאזען אפפאהרען דעם בעל עגלה, ביז ער וועט איהם שיקען רופען.

דער בעל עגלה איז געבראכט געווארען צום צדיק. דער צדיק האט אויסגעהערט זייער טענה, איז ער „נבהל ומושתומם" געווארען, און זאגט צו זיך, רבש"ע וואס האסטו מיר צוגעשיקט אזא צרה, קיין עדות איז ניטא, און עס קען ניט

זיין פון אזוי ווייט, נו דערגעה אַ טאָלק מיט זיי. ער איז ארום געגאַנגען אין זיין חדר, געפעהרליך פארטראַגען.

פלוצלינג איז דעם צדיק איינגעפאלען, טאַקע מן חשמים אַזאַ „עצה טובה”, רופט ער זיך אָפּ צו זיינע אלע משרתים, איהר זעהט, אַז דער זייגער איז איצט צעהן, ביז פיער אַזייגער פארנאַכט זאָל מען ניט לאָזען אָפּפאָהרען דעם אידען, וואָס ער זאָגט אַז ער איז דער גביר, און איהר ביידע, בעל עגלה און סוחר, זאָלט איהר קומען ביי מיר, פּונקט פיער אַזייגער, דערוויל געהט אויף אייער פּלאץ, איהר הערט וואָס איך זאָג אייך אָן, נאָר פיער אַזייגער קומט, ניט פריהער, און איהר זאָלט זיך דערוויל ניט קריגען. זיי זיינען ארוים געגאַנ־גען און געהן ביידע צוזאמען. דער צדיק איז ארוים אויפ'ן באַלקאָן (פאָרטש) און קוקט ווי זיי געהען, אז זיי זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, אז מען זעהט זיי קוים, האָט דער צדיק דערלאנגט אַ געשריי ווי אַ לייב: „בעל עגלה” קום צו־ריק. „בעל עגלה” קום צוריק. האָט זיך באַלד אומגעקעהרט דער „בעל עגלה” (דער איצטיגער גביר), און דער איצטיגער „בעל עגלה”, דער אמת'ער גביר, האָט זיך ניט אַ ריהר גע־געבען. האָט דער צדיק אַ געשריי געטאָהן צו זיין שמש, געה לויף ברייננ זיי ביידען אריין. און ווי זיי זיינען אריין האָט דער צדיק אַ משונה'דיג געשריי געגעבען צו דעם איצטיגען גביר, דער אמת'ער בעל עגלה, דו טריפה'נער ביין, רשע גמור, אָט שוין דאָ, טהו זיך אויס דעם גביר'ס קליידער, דו ביזט דער בעל עגלה און ער איז דער סוחר, און איהר מיינע משרתים גיט איהם ניין און דרייסיג מלקות (ניט ווי ערב יום כפור).

איצט זאָלען מיר זעהען טייערע, אַז דאָ מיט הגר און שרה, איז אויך די זעלבע געשעהעניש פאָרגעקומען. הגר איז די דינסט ביי שרה'ן, שרה האָט קיין קינדער ניט, זאָגט שרה צו אברהם איהר מאַן „בא אל שפחתי”, הייראַט מיט הגר, מיין דינסט, און איך וועל צוליעב דעם האָבען נאָכדעם חאָטש איין קינד... אברהם האָט געפאָלגט שרה'ן, — הגר ווערט

שוויינגער, „ותקל גברתה בעיניה", איז אין איהרע אויגען די „גבירת שרה" געוואָרען אין איהרע אויגען זעהר גרינג. און די מדרשים דערצעהלען אַז הגר האָט געזאָגט צו שרה'ן איך בין די גבירה, און דו ביזט די דינסט, ווייל איך וועל האָבען אַ קינד, און דאָס קינד וועט ירש'ענען דעם פאַרמעגען פון אברהם, דו פאַרדאַרטע, פאַרטריקענטע ביזט איצט גאָרניט. עס איז אַזוי ווייט אוועק, אַז שרה די הייליגע צדקניות, האָט שוין ניט געקענט מעהר אַריבערטראָגען איהרע שמערצען, אַז זי האָט „מוסר דין לשמים" געווען, „חמסי עליך, ישפוט ד' ביני ובינך". און אברהם האָט געענטפערט, די הגר איז דיין דינסט, טהו מיט איהר וואָס דו ווילסט. האָט שרה איהר געפייניגט, און זי איז אַנטלאָפען, אָבער זי האָט נאָך איצט, אין איהרע געדאַנקען, געדענקט אַז זי איז די גבירה און שרה איז די שפחה.

דער מלאך האָט איצט געטאָן, דאָס וואָס דער אָפטער צדיק האָט געטאָהן. זי געהט אין דער מדבר, זי לויפט און טראַכט זיך אָבער אַז איך וועל האָבען דעם קינד, וועל איך געוויס בלייבען די גבירה... גיט דער מלאך פלוצלונג אַ גע־שריי: „הגר שפחת שרה", הגר שרה'ס דינסט, זי קערט זיך אום, זי איז באַלד געגרייט צו ענטפערען דעם מלאך, אַזוי זאָגט דער מלאך, מיין טייערע, געה אהיים, און זיי וויסען אַז שרה איז די גבירה און דו ביזט די שפחה. „שובי אל שרה גבירתך והתעני תחת ידיה". אפילו זי אליין האָט באַלד פאַר־שטאַנען, אַז זי איז דורכגעפאַלען, און באַלד מודה געווען, „מפני שרה גברתי אנכי בורחת", ודו"ק.

---

רבי! רבי! שרייט מיט געוויין דער פרנס העיר צום רב, איהר מוזט ראַטעווען מיין איין און איינציגע טאָכטער, זי איז ערגער און ערגער, דער גרעסטער פראָפעסאָר האָט איהר

שוין ענטזאגט, עס איז ניטא מעהר קיין הילף, רבי, נעהמט צו־נויף א מנין און זאגט תהלים.

דער רב זאגט עס איז דאך אין מיטן נאכט, וואו קריגט מען א מנין? עס איז קיין תירוץ ניט — טהוט איבער די מעג־ליכקייט!

דער רבי האט זיך אנגעטאן, ארויס אין גאס, האט ער אנגעטראפען בערלען, דעם רבי'ן פון די גנבים, און ער זאגט איהם: „בערעל שאף נאך ניין פון דיינע הברה, און מיר וועלען זאגען תהלים, דו קענסט קריגען גוט באצאהלט". אין פינף מינוט, און א מנין איז דא פון זייערע הברה. דער רבי זאגט, זיי האבען איהם נאכגעזאגט. פארטאג איז זי בעסער געווארען. אין איינינע טעג זי איז געזונט געווארען אין גאנצען. דער פרנס העיר האט זיך דערוואוסט ווער די תהלים זאגער זיינען געוועזן.

איז געקומען דער פרנס צום רב: „סטייטש, רבי, קיין אנדערע האט איהר ניט געפונען, ניט געקראגען צום תהלים זאגען"?

„הערט זיך איין" — זאגט דער רבי — „אז איך האב געזעהן די אלע שערי רחמים איז פארשלאסען, האב איך גענו־מען אלע גנבים פון שטאט, אזעלכע וואס קענען אויף ברע־כען שלעסער, און זיי האבען טאקע אויף געבראכען די פאר־שלאסענע שערי רחמים"...

---

פאלשע פריינד זיינען גלייך צו דער וואנדער פויגעל, וועלכע קומען נאר צו פליהען אין דער גוטער צייט (זומער) און פליהען אוועק אין דער שלעכטער צייט (ווינטער)...

---

„והוא יהיה פרע אדם". איינער האָט מיר געפרעגט, ווען דען מאַן איז אַ „פרא אדם", טאָ ווי רופט מען זיין פרוי?

האָב איך איהם געענטפערט, אַז ווען זיין נאָמען איז פרא אדם, איז איהר נאָמען פרה אדומה...

## לערנען פון אברהם ווי צו דינען גאָט

וילך למסעיו.

ווען אַ מענש טהוט אַ זאַך, און ער טהוט עס מיט חשק, דאַן איז איהם גרינג אפילו אַ שווערע זאַך. אויב ער טהוט עס אָהן חשק, נאָר ווייל ער מוז, איז די גרינגסטע זאַך איהם שווער צו טאָהן. געלט פארדינען איז זעהר שווער, נאָר ער וויל עס, ער גלויבט צו דעם, דארום — איז פאר דעם מענשען גרינג, ער שפירט ניט די שווערקייט, טאָג און נאַכט, ווערט איהם ניט מאוס.

אָבער דאווגען, לערנען, דער וואָס טהוט עס אָהן חשק, איז דאָס די שווערסטע זאַך. ביי אברהם איז פארקעהרט (ביי אַלע צדיקים אזוי), „ואברם כבד מאד במקנה, בכסף ובזהב", צו זאַמלען פארמעגען קומט איהם אָן זעהר שווער, נאָר צו גאָט־הייט, — „וילך למסעיו", ער געהט זיך גאַנץ לייכט צו זיינע נסיעות איינצופלאַנצען אמונת הבורא ביי דער וועלט.

## אַ זעלטענע זאַך

והוא כהן לאל עליון.

צו וואָס איז אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס פון מלכי צדק, איז דען דאָס צוליעב דעם ביסעל וויין און דאָס שטיקעל ברויט צו אברהם'ן?

די נדבה איז טאקע א קליינע, א גאנץ קליינקייט, נאר זאלסט וויסען זיין, — „והוא כהן לאל עליון" — א רב האט דאס געגעבען, איז דאס שוין גאר א זעלטענע זאך.

---

## צואה

כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו אחריו לעשות צדקה ומשפט.

דער מענש רוהט ניט טאג ווי נאכט, צו פארגרעסערען זיין רייכטום, און אז זיי ווערען אלט, האבען זיי מורא, טאמער פאלט אריין אין שלעכטע הענט דער פארמעגען, אפילו ביי שלעכטע קינדער, מאכען זיי א צואה. אבער ווייניג, זעהר ווייניג מאכען א גייסטליכע צואה פאר די קינדער, זיי זא־לען היטען דעם דרך ד'. מיר ווייסען וואס פאר א צואה דער רבש"ע וויל, „כי ידעתיו" איך ליב איהם, „למען אשר יצוה את בניו", וואס פאר א צואה, „ושמרו דרך ד'", ודו"ק.

---

## וואס די אנטיסעמיטען זאגען

אל תראי תולעת יעקב הנה עזרתיך.

(הפטרה לך, ישעיה מ').

די אנטיסעמיטען זאגען, ישראל איז נידריג ווי דער ווערימעל תולע, אלע טרעטען אויף איהם, און ער קריכט ארויף דאך, אויף די העכסטע פלעצער, און ווי זאגען, אזוי דארף מען רופען ישראל'ן, ווייל זיין נביא האט איהם אויך אזוי גע־רופען.

## גאָט זאָגט

אל תראי תולעת יעקב וגו'.
(הפטרה לך, ישעיה מ׳).

איך וועל עס שרייבען אין איינינע סעיפים: וואו איז בבל, די גרויסע מאַכט? וואו איז די אַלטע רוים? וואו איז געבליבען אַלע נאַציאָנען, די מעכטיגע, וואו איז עמון, מואב, כסרותים, פסלוכים, כפתורים, פילדת, ידלף? זייער געדעכע־ניש איז שוין לאַנג ניטאָ, וואו זיינען זיי די גרויסע און שטאַר־קע מעכטע?

---

## גאָט זאָגט

ווען איינער וועט פרעגען, וויפיעל משא קען טראָגען אַן אָקס, אָדער אַ פערד? וועלען מיר איהם ענטפערען, אומ־געפעהר ביי דריי הונדערט פונט, אָבער ניט מעהר, און יענער וועט ניט פאָלגען, און ארויפטאָהן אויף דער בהמה, אַ שטיין פון צעהן מאָהל אזוי פיעל, דריי טויזענט פונט, וועט די בהמה פאַלען טויט, אונטער דער גרויסער משא.

---

## גאָט זאָגט

זאָלען מיר איצט ארויס נעהמען פון דער ערד צוויי ווערעמלאך, וואָס ווערען גערופען „תולע" און אָפוועגן ביי־דע, און זיי וועגעןביידע גלייך, און איין ווערימעל לייגען אונ־טער דעם דריי טויזענט פונטיגען שטיין און דעם צווייטען

אויפ'ן שטיין, אין אַ מאָנאַט ארום, וועלען מיר זעהען, אז דער ווערימעל פון אונטער דעם שטיין וועגט נאָך אַמאָל אזוי פיעל, און דער צווייטער איז טויט, אָדער קוים וואָס ער קריכט. אזוי איז דער נאַטור פון דעם ווערימעל תולע.

---

## גאָט זאָגט

אָט אזוי איז דער שטייגער, דער נאַטור פון דער בהמה. אין די פארצייטיגטע אומות, די אלע וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט, זיינען געווען בהמות, היות אין מענשען געשטאַלט. איינער האָט געזיעגט די צווייטע, און נאָכהער ארויף געלייגט אויף איהר משא, צעהן מאָל אזוי פיעל, איז די אומה געפאַלען אונטער איהר לאַסט. אָט אזוי זיינען זיי פארניכטעט געוואָרען.

---

## גאָט זאָגט

ניט אזוי מיט דיר ישראל, דו וועסט קיינמאָל ניט פארניכטעט ווערען, דו וועסט אימער בלייבען, ווייל דו ביזט אַ ווערימעל, דיר אז מען האָט באַזיגט, און פארטריבען פון דיין לאנד, און וואָס מעהר משא און צרות זיי לייגען אויף דיר ארויף, אלין מעהר און מעהר ביזטו שטאַרקער און מעכטיגער, ליגסטו אונטערן שטיין, ביזטו פעסט אין דיין אמונה, גיט מען דיר פרייהייט, ווערסטו שוואך, אנדערע אין גאנצען טויטע אידען, אנדערע קריכען נאָך אויפ'ן שטעהן איינמאָל, אָדער דריי מאָהל אַ יאָהר אין שוהל.

## גאָט זאָגט

אל תראי תולעת יעקב וגו'.

(הפטרה לך, ישעיה מ׳).

האָב קיין מורא ניט, יעקב אז דו וועסט אין גלות אונטערגעהן, ניין דו ביזט ניט קיין בהמה, נאָר אַ ווערימעל, תולעת יעקב, מיט דעם „הנה עזרתיך", איך האָב דיר געהאָלפען ביז איצט און ווי לאנג דו וועסט זיין אין גלות וועל איך דיר העלפען. נאָכדעם וועסטו ניט דארפען זיין אַ תולעת, אז אפילו דיר וועט גוט זיין, וועסטו ניט שלעכט ווערען.

---

## אבות און ישראל

פיעל פרעגען ווי אזוי האָט דער „עם ישראל" געקענט אַריבער טראָגען אַזויפיעל יסורים, אַזויפיעל רדיפות, אזויפיעל צרות, איבערהויפט די פארפלוכטע אינקוויזיציע? דער ענטפער אויף דעם איז, — ווייל דאָס האָט שוין אויסגעטראָטען דעם וועג, פאר אונז „אברהם אבינו". האָט ער דען ניט געהאַט אינקוויזיציע־אור כשדים, און אלע רדיפות צוליעב זיין ברייגען דעם אמת'ן גלויבען אויף דער וועלט, האָט מען דען איהם ניט געמאַכט פינסטער פאר'ן ברייגען ליכט?

געשעפט (ביזנעס) ווי אזוי האָט דער עם ישראל געקענט לעבען, אַז אלע געשעפטען זיינען אימער פאר איהם געווען געשלאָסען, אַלעס פארמאַכט פאר דעם עם ישראל, און דאָך האָט ער געלעבט, און עס איז נאָך געווען רייכע אידען אין יעדער צייט, טראָץ אלע שטערונגען. דאָס האָט פאר דעם „עם ישראל" שוין לאנג אויסגעטראָטען דעם וועג „יצחק אבינו", ווי די תורה דערצעהלט, ווי ווייט מען האָט איהם גע-

פרובירט אימער צו רואינירען פון זיינע געשעפטען, מיט די ברונימער, מיט דעם שטענדיגען „לך מעמנו כי עצמת ממנו עד מאד", און „וימצא בשנה ההיא מאה שערים" זיי האבען אימער געזאגט צו איהם געה פון אונז, דו ביזט רייך פון אונ־זער בלוט, אונזער געלט, און גראדע אין דיזער צייט, זיינען זיינע געשעפטען גרויס, אז וויפיעל מען האט געשאצט, איז עס גאך געוועזן הונדערט מאהל אזויפיעל.

ווי האבען מיר געקענט אריבער לעבען דעם גרויסען פינסטערען גלות? די וועג האט פאר אונז אויסגעטראטען „יעקב אבינו" מיט די שבטי יה, און מיט יוסף, דורכצוקומען אלע בייזע שלאנגען, און דאך געזיגט, אלעמען געזיגט, אלע זיינע שונאים, און אזוי האבען מיר ביז איצט געזיגט, און מיר וועלן זיגען, און זיין די זיגער, אמן.

---

## אברהם דער זוהן פון תרח

א ישוב'ניק איז געקומען פרעגען דעם רב, ווי גיט מען א נאמען זיין אינגעל וואס איז ערשט געבארען געווארען.

— גיט איהם א נאמען אברהם, — האט געענטפערט דער רב — און טאמער פרעגט איהר פאר וואס דוקא אברהם, ווייל דער פאטער איז א תרח.

---

מענשען האבען איינגעשאפטען צו שיטען מיט בלא־טע, די יעניגע וואס זיינען העכער פון זיי. (דער וואס שטעהט אין בלאטע קען אויף יענעםווארפען בלאטע... דער וואס שטעהט אין גאלד, קען ווארפען דעם צווייטען גאלד). די

חכמים אונזערע האבען דאס אויסגעדריקט אין איין ווארט: טמא, טמא יקרא. דער טמא שרייט נאר אויף דעם צווייטען — טמא, „טמא יקרא", אדער „מום שבך אל תאמר להברך". פיעלע פיעלע ענליכע מאמרים איז פאראן.

---

א פראפעסאר פרעגט א רב, וואס איז די מעשה, וואס אמאליגע רבנים זיינען געווען א חוץ זייערע גאונות אויך גרויסע געלערענטע, ווי ר' סעדיה גאון, רמב"ם, רלב"ג, ר' מנשה בן ישראל, און נאך, און היינטיגע רבנים זיינען אין וויסענשאפט זעהר פרעמד?

און מיר ארט אויף די קשיא, האט דער רב איהם גע-ענטפערט, וואס איז די מעשה, וואס אמאליגע אידישע געלע-רענטע זיינען אויך געווען גאונים אין לערנען ווי למשל ר' סעדיה גאון, דער רמב"ם און אזוי ווייטער, און היינטיגע אידישע געלערענטע זיינען עמי הארצים?.

---

געלט איז פאר קלוגע א מיטעל. פאר נאראנים — א צוועק..

---

דאס וויינען פון א יורש איז א פארמאסקירטער לא-כען.

---